די צוקונפט

No. 5 (41) | MAY 1905 | Volume IV

# פונפצעהן יאהר פראלעטארישער יום טוב

אלע רעדער שטעהן שטיל.
ווען דיין מעכטיגער ארם וויל.

פונפצעהן יאהר זיינען אוועק זינט דער פראָלעטאריאט פון דער גאנצער וועלט פייערט זיין יום טוב, דעם יום טוב פון ערשטען מאי.

דאכט זיך, א פריוויליכער יום טוב'דיגער יובילעאום, און דאָך.... איך ווייס ניט, וויא איהר, לעזער, פיהלט זיך ביי דער ערינערונג אָן דעם ע ר ש ט ע ן 1 מאי. פאר דעם שרייבער פון דיא שורות איז דיא ערינערונג בעדעקט מיט א וואָלקען פון אומעט און מעלאנכאָליע, געמישט מיט פארדרוס און ביטערקייט. פיליכט איז דאָס דיא אייגענע שולד פון דעם שרייבער; פיליכט זיינען שולדיג דיא אומשטענדען, וועלכע האָבען געמאכט אז איידער ער האָט געזעהן, וויא מען „פייערט" דאָ ביי אונז דעם יום טוב פון „ערשטען" (?) מאי, איז איהם אויסגעקומען בייצו־וואָהנען און אנטהייל צו נעהמען אין דעם מאי־פייער אין פערשיעדענע אנדערע לענדער. אלץ הענגט דאָך אָפּ דערפון, וועלכע פאָדערונגען מען שטעלט און מיט וואָס מען קען זיך שטעלען צופריעדען.

דיא רעדאקציאָן פון היגען „וואָירקער", צום בייששפיעל, איז איבערצייגט, אז אויב אלע 3000 פלעצער פון קארנעגי האָל, אָדער דער גרעסטער טהייל פון זיי וועלען זיין בעזעצט אויף דעם „אויסגעצייכענטען קאָנצערט", וועלכען זיא רופט „מאי־דעמאָנסטראציאָן", דעם 30 אפּריל, זאָנטאג פאר דעם 1מאי, דאן וועט עס הייסען אָן „ערפאָלגרייכער מאי־פייער". „דיא נויאָרקער בעוועגונג וועט קומען דערפאר א גרויסען דאנק", זאָגט זי, „און פאר די אלגעמיינע זאך וועט עס ברענגען גרויסע נוצען". דיא רעדאקציאָן פון „וואָירקער" מיינט, אז דערמיט וועט אויסגעדריקט ווערען „דיא אינטערנאציאָנאלע אחדות" פון ארבייטער קלאס.

עס פאלט איהר גאָר ניט איין צו ענטשולדיגען דיא ניו יאָרקער פארטיי פאר אזא מין „דעמאָנסטראציאָן"; עס פאלט איהר גאָר ניט איין צו בעדויערן, פאר וואָס דיא אינטערנאציאָנאלע אחדות ווערט דורך דעם אזוי גראָב צושטערט; עס פאלט איהר גאָר ניט איין צו ערקלעהרען, פאר וואָס דיא היגע פארטיי פאָלגט ניט אָדער קען ניט פאָלגען דעם בעשלוס פון דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער סאָציאלדעמאָקראטיע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף'ן אמסטערדאמער קאָנגרעס. דער שרייבער פון דיזע שורות קען זיך אָבער ניט־פערגעסען אָן דיעזען בעשלוס. ער קען ניט פערגעסען אָן דיא פריהערדיגע בעשליסע פון דיא פריהערדיגע קאָנגרעסען. ער קען ניט פערגעסען; אָן דיא האָפנונגען און ערווארטונגען, וואָס מען האָט פערבונדען מיט דעם מאי יום טוב. ער קען ניט פערגעסען דיא מאי פייערס, וועלכע איהם איז אויסגעקומען מיטצומאכען אין פערשיעדענע אנדערע לענדער. און דערפאר ווערט איהם אזוי טרויעריג, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם קאָנצערט פון 30 אפּריל, פאר וועלכען דיא ניו יאָרקער פארטיי ערווארט א גרויסען דאנק....

* * *

דער יום טוב פון ערשטען מאי איז געשאפען געוואָרען צוליעב א געוויסען ציעל מיט א בעשטימטען פלאן.

ווען אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין פאריז פון יאָהר 1889 איז דער יום טוב בעשטימט געוואָרען, דאן האָט ער געהאט א י י ן צוועק: ער האָט געדארפט דיענען אלס דעמאָנסטראציאָן פאר דיא איינפיהרונג פון אכט־שטונדיגען ארבייטסטאָג.

דורך דעם איז דער יום טוב פון ערשטען מאי געפלאנט געוואָרען ניט אלס יום טוב פון סאָציאליסטען, ניט אלס דעמאָנסטראציאָן פארן סאָציאליזמוס, נור אלס א יום טוב פון ארבייטער, פראָלעטאריער, אלס א דעמאָנסטראציאָן פאר איינע פון דיא וויכטיגסטע פאָדערונגען פון אלע לאָהן־שקלאפען, אָהן אונטערשיעד פון רעליגיאָנען, ראסען און פאָליטישע איבערציינגונגען. דורך דעם איז אויך ממלא בעשטימט געוואָרען דער כאראקטער פון דער דעמאָנסטראציאָן גופא. וויא באלד דיא פאָדערונג איז א ריין פראָלעטארישע, מוזען אויך דיא מיטלען זיין ריין־פראָלעטארישע; וויא באלד דער צוועק פון דער דעמאָנסטראציאָן איז אן אלגעמיין־פראָלעטארישע, מוז אויך דיא וואפע זיין אן אלגעמיין פראָלעטארישע. און א אלגעמיינע ריין־פראָלעטארישע וואפע איז פארהאנדען נור איינע: דער סטרייק.

דערפאר איז פון אָנפאנג אָן ארויסגעשטעלט געוואָרען דיא קלאָהרע פאָדערונג, אז דער יום טוב פון ערשטען מאי זאָל געפייערט ווערען דורך ארבייטס־רוהע. דיא פאָדערונג איז ווייטער דערהאָלט געוואָרען אונצעהליגע מאָל אויף דיא אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע קאָנגרעסען און אויף דיא איינצעלנע פארטיי צוזאמענפאָהרען. דאָס איז געוועזן און בלייבט דער אידעאל פאר דעם יום טוב פון ערשטען מאי.

דער שכל איז א פראָסטער. דער פלאן א קלאָהרער.

אלע רעדער אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט דרעהען זיך דורך דיא לאָהן־ארבייטער. מיט דיא קראפט פון זייערע מוסקולען בעוועגען זיי דיא גאנצע אינדוסטריע מאשין. דורך זייער הארעוואניע, שאפען זיי אלע עשירות. פון זייער בלוט און מארך לעבט דיא גאנצע געזעלשאפט.

ווען מען וואָלט אוועקנעהמען ביי דיא קונציגסטע מאשינען, ביי דיא גרעסטע פאבריקען דיא לעבעדיגע ארבייטס־קראפט, דאן וואָלט מען ביי זיי אוועקנעהמען דעם גאנצען לעבען.

דאָס דארפען דיא ארבייטער, דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט, אָהן אונטערשיעד פון נאציאָן און פארטייען, ווייזען דיא וועלט. און דאָס וואָלטען זיי געקענט ווייזען, פייערנדיג איבעראל דעם יום טוב פון ערשטען מאי אין זעלבען טאָג—דורך דעם, וואָס זיי ארבייטען ניט. דיא גאנצע וועלט וואָלט זיך ארום געזעהן, אז „אלע רעדער שטעהן שטיל, ווען זיין מעכטיגער ארם וויל".

פארשטעהט איהר וואָס פאר א געוואלטיגען איינדרוק דאָס וואָלט געמאכט אויף דיא הערשענדע קלאסען? פארשטעהט איהר וויא גרויס דיא בעדייטונג פון 1טען מאי יום טוב וואָלט געקענט זיין? ווארום מי קען דאָך אויף א מינוט ניט צווייפלען, אז אלע רעדער וואָלטען געשטאנען שטיל, ווען דער מעכטיגער ארם פון דעם פעראייניגטען פראָלעטאריאט וואָלט נור געוואָלט.

דיא וואָס האָבען געשאפען דעם יום טוב פון ערשטען מאי—און דאָס איז געוועזן דיא פעראייניגטע אינטערנאציאָנאלע סאָציאל־דעמאָקראטיע — האָט געשטעלט אזא אלגעמיינע פאָדערונג, כדי אלע ארמס זאָלען וועלען—רוהען; כדי צו ווייזען אז אלע ארמס קענען וועלען רוהען צוזאמען, קענען האָבען איין ווילען. דאָס איז געוועזן דער ציעל, דאָס איז געוועזן דער אידעאל, דער בעשלוס אליין האָט אין די הערשענדע קלאסען שוין אריינגעטריעבען א טויט ציטערנים.

אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער פלעגען דיא רעגיערונגען מאָביליזירען זייערע מיליטערישע קרעפטען צום ערשטען מאי. דיא קאפיטאליסטען האָבען איבעראל אָנגעווענדעט אלע מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזען דיא ארבייטער פייערן דעם 1טען מאי דורך רוהע. זיי האָבען גענומען ענטפערן מיט מאסענהאפטע לאקאוטס, מיט שווערע בעשטראָפונגען. דיא רעגיערונגען און קאפיטאליסטען, זיי ביידע פערשטעהן גאנץ גוט זייערע אינטערעסען; זיי האָבען דערפאר גלייך געפיהלט און פערשטאנען אז ווען דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט וועט ארויס ווייזען זיין פעראייניגטען ווילען אפילו פריעדליך און רוהיג, אפילו נור איין טאָג איז פאר זיי א גרויסע געפאהר, פון וועלכער עס קען קומען א טויט קלאפ פאר זייער הערשאפט. און דערפאר האָבען זיי מיט אזוי פיעל מורא און זאָרג יעדעס מאָל ערווארטעט דעם 1טען מאי.

אויך דער פראָלעטאריאט האָט דיא ערשטע יאָהרען געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם 1טען מאי. מיט גרויס זאָרג און אינטערעס פלעגט מען רעכענען דיא צאָהל פון דיא אנטהייל־נעהמער אין דיא דעמאָנסטראציאָנען פון ערשטען מאי. מען האָט געהאָפט, אז פון יאָהר צו יאָהר וועט דיא צאָהל ווערן גרעסער, אז פון יאָהר צו יאָהר וועט דער יום טוב פון ער־

שטען מאַי ווערען אלץ א גרעסערע, אלגעמיינערע, ערנסטערע דמאָנסטראציאָן.

מען האָט צו דיא פאָדערונג פון 8 שטונדיגען ארבייטסטאָג צוגעגעבען נאָך איינע — דעם וועלט־פריעדען. וויעדער א מאָל א פאָדערונג, אין וועלכער אלע פראָלעטאריער זיינען פעראייניגט. ווארום דיא איצטיגע מלחמות צווישען דיא פעלקער ווערען דאָך אָהן שום ספק שטענדיג געפיהרט פאר דיא אינטערעסען פון דיא הערשער געגען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער. מען האָט אין פערשידענע לענדער גענומען צוגעבען אויסער דיא צוויי אלגעמיינע פאָדערונגען, נאָך פערשיעדענע ספּעציעלע, פּאָליטישע און ווירטשאפטליכע פאָדערונגען. אין עסטרייך צ. ב. איז דער יום טוב פון ערשטען מאַי פעראייניגט געוואָרען מיט'ן נאציאָנאלען יום טוב פאר דאָס אלגעמיינע וואהלרעכט. אין רוסלאנד האָט דער יום טוב גענומען טראָגען דעם כאראקטער פון א רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד געגען דיא זעלבסטהערשונג.

מען האָט אין פערשיעדענע לענדער גענומען אויסטראכטען פערשיעדענע מיטלען און וועגען וויא צו פייערן דעם יום טוב לעבעדיגער, פרישער. פרייליכער. מען האָט געהאָפט דורך דעם אריינצוציהען און צו פאראינטערעסירען אלץ מעהר מענשען.

פונפצעהן יאָהר זיינען שוין אוועק זינט דער ערשטער מאַי ווערט געפייערט. זיינען דיא האָפנונגען ערפילט געוואָרען? און אויף ווי וויט?

* * *

צווישען דיא דייטשע וויסענשאפטליכע סאָציאליסטישע זשורנאלען, צווישען דעם פאָרשטייער פון דער בערנשטייניאנישער רעפאָרמיסטישער ריכטונג, „דיא סאָציאליסטישע מאָנאטס העפטע“ און דעם פאָרשטעהער פון דער ראדיקאלער מארקסיסטישער ריכטונג „דיא נייע צייט“ האָט פאָריגען זומער זיך־געפיהרט א פּאָלעמיק איבער דער פראגע וועגען דעם יום טוב פון ערשטען מאַי.

אין דיא „סאָציאליסטישע מאָנאטס העפטע“ איז דער טרייד־יוניאָן־פיהרער געאָרג שמידט ארויס מיט א פערניכטענדער קריטיק געגען דעם יום טוב. ער וויל ניט מעהר וויא דאָס. אז מען זאָל דעם מאַי פייער אין גאנצען אָבשאפען. אלס „פראקטישער פּאָליטיקער האלט ער פון פאָלקס־דעמאָנסטראציאָן איבערהויפט ניט. זיי זיינען היינט שוין פאר די רעגיערונג מעהר קיין נייעס ניט, זאָגט ער. דיא רעגיערונגען דערשרעקען זיך מעהר ניט, קימערן זיך מעהר ניט און זעהן אין דעם א אונשולדיגען פערגניגען. דיא ארבייטס צייט, ערקלעהרט ער ווייטער, איז דורך דעם ניט קירצער געוואָרען אויף 5 מינוט אפילו. אויף דעם וועלטפרידען האָט דער מאַי יום טוב געהאט ניט מעהר איינפלוס וויא דיא האאגער פריעדענס־קאָנפערענץ.

געאָרג שמידט בויט זיין פעסימיזמוס ניט נור אויף זיינע אלגעמיינע איבערצייגונגען אלס „פראקטישער רעאליסטישער פּאָליטיקער וואָס וויל ניט וויסען פון קיין עולם הבא — ער זעהט דעם באנקראָט פון ערשטען מאַי פייער אין דיא ארט און וויזע וויא דער יום טוב ווערט געפייערט.

פון דער ארבייטס־רוהע, טענה'ט ער, האָט מען זיך אליין ענטזאגט. קיין איין גרויסע פאבריק פייערט ניט. נור אין וועניגע שטעט פון דייטשלאנד קומען פאָר מאניפעסטאציעס. אָבער דיא צאָהל פון דיא מאניפעסטאנטען וואקסט ניט פון יאָהר צו יאָהר. דער מאַי יום טוב איז א בעשלוס פון דער סאָציאליסטישער פארטיי, דאָך ענטזאגט זיך דיא פארטיי צו טראָגען דיא פעראנטוואָרטליכקייט פאר דיא רעזולטאטען. וויא פיעל אונניצליכע סטרייקס און לאָקאויטס זיינען שוין ארויס צוליעב דעם ערשטען מאַי? דיא יוניאָנס העלפען ניט דיא בעשטראָפטע. און אין אמת'ן, זאָגט ער, זיינען טאקי דיא סטרייקס צוליעב דעם ערשטען מאַי איבעריג. דער מאַי יום טוב איז א דורכפאל א פאָלשטענדיג פיאסקאָ, און דערפאר וואָלט זיין בעסער מען זאָל איהם אין גאנצען אָבשאפען און בעפרייען דיא יוניאָנס פון דיעזען יאָך.

אזוי טענה'ט דער אפּאָרטוניסט, דער בערנשטייניאנער, דער „פראקטישער“ פּאָליטיקער. פאר איהם איז דיא זאך גאנץ איינפאך: וויא באלד אז פאר דיא פערגאנגענע 15 יאָהר קענען מיר בידים ניט אָנטאפּען קיין „פראקטישע“ רעזולטאטען; ווי באלד אז דער אידעאל וועלכען דיא שעפפער פון 1טען מאַי יום טוב האָבען זיך געשטעלט איז ניט דערגרייכט געוואָרען זייט 15 יאָהר און מען זעהט זאָגאר ניט בעשיינפערלעך אין צאָהלען און פאקטען אז מיר זאָלען פון יאָהר צו יאָהר קומען נעהענטער צו דעם אידעאל דארום איז דיא גאנצע מעשה ניט ווערט א שמעק טאבאק. דערפאר איז בעסער, קליגער און גלייכער אין גאנצען זיך צו ענטזאגען פון דעם אידעאל.

וואָס זשע ענטפערט זיין מארקסיסטישער געגנער? צו האָט ער בעוויזע, אז די פאקטען וועלכע שמידט ברענגט זיינען פאלש? אז דער 1טער מאַי ווערט טאקע געפייערט, אזוי וויא עס דארף צו זיין דורך ארבייטס רוהע? אז דיא פייערונג ווערט טאקי גרעסער, ערנסטער, און אלגעמיינער?

מיר האָבען געוואָלט הערען אזעלכע פאקטען. צו אונזער בעדויערן איז דער מארקסיס־

דאס וועט זיין „תענוג עולם הבא“ אויף דער וועלט.

און דערווייל קען מען דאס געפינען אין ארבייטען פיר אזא וועלט — פיעל מעהר גליקליכקייט וויא אין גלויבען.

ב. פייגענבוים.

# דיא אידען

## א דראמא אין פיער אקטען פון ע. טשיריקאוו.

(געשפיעלט פון דעם רוסישען ארטיסט נ. ארליענעוו און זיין קאמפאני.)

און א לאנגע צייט האט דער אונגליקליכער אלטער ישראליקעל געליטען אין רוסלאנד, צוגעשמידט צו דעם ענגען שטיקענדיגען תחום, ווי א הונד צו אן אייזערנע קייט, האט געליטען און געשוויעגען. און האט אפילו דיא העזה ניט געהאט צו קרעכצען אין דער הויך...

פון אלע זייטען האבען זיך געשאטען אויף איהם צרות, שלעק און ענוים און ישראליקעל האט געשוויעגען, געשטיקט אין זיך דיא יסורים און וועהטאגען און האט פילאזאפירט: „וואס זאל מען טאן? מיר זיינען אין גלות!....“

דעם ברויט האט מען פון איהם אוועקגענומען, דיא לופט, דאס ליכט און דעם „איך“, דעם מענשליכען „איך“, און דאך — האט ער געזונגען דעם „הנותן תשועה“, דאך האט ער געבענשט דעם, וואס האט עס אלעס ביי איהם אוועקגערויבט!....

ישראליקלען האט מען בעהאנדעלט וויא א שקלאף און דארום האט ער זיך געפיהלט און אויפגעפיהרט וויא א שקלאף....

און מיט פעראכטונג האבען אויף איהם געקוקט אפילו דיא בעסטע און דיא עדעלסטע מענשען אין דער רוסישער געזעלשאפט. א פאקטאר איז ער פון תמיד אן געוועזען אין זייערע אויגען, א כיטרע, נידריגע בעשעפעניש, וואס טראכט נור וועגען מאכען געלד; א בעשעפעניש אהן געוויסען און אהן חרפה, א פייגלינג, אהן אייגען-ליעבע און אהן זעלבסט-אכטונג...

דער גרויסער טורגענעוו האט נאך אין דיא בעסערע יאהרען, ווען ישראליקעל איז נאך ניט געוועזען אזוי דערשלאגען, ווען ער האט נאך רעכט געהאט פריזיער צו אטהעמען דיא לופט פון דעם היילינגען רוסלאנד, אנגעשריבען זיין ערצעהלונג „זשיד“, וואו ער שילדערט דעם איד אלס פאקטאר, וואס שלאגט פאר א רוסישען אפיציער זיין אייגענע שעהנע יונגע טאכטער און נארט אוים דורך דעם געלד...

דאסטאיעווסקי האט אין זיין אונשטערבליכען ווערק „מיארטווי דאם“ (דאס טויטע הויז) אויך פארגעשטעלט א אידען ניט אין א סך שעהנערן ליכט....

דאס זיינען געוועזען גרויסע שרייבער מיט גרויסע נשמות.... היינט דיא קלענערע שרייבער מיט קליינע נשמה'לעך, וויא. למשל, א וו. קרעסטאווסקי, דער מחבר פון „עגיפעטסקאיא טמא“ (עגיפטישע פינסטערניש), אזוינע רוסישע מחברים האבען געשילדערט ישראליקלען אלס דיא עגיפטיע פינסטערניש אליין....

און ווען דער פאקטאר ישראליקעל האט שפעטער ארויסגעגעבען פיעל קעמפפער, וואס האבען זיך מקריב געוועזען פאר רוסלאנד'ס פרייהייט; וועלכע זיינען אונערשראקען געשטאנען אין רעכטען פייער פון קאמפף געגען דער רוסישער רעגירונג; וואס האבען געלאזען זייערע יונגע לעבענס אויף דיא תליות. אין דיא קאזאמעטען און טיורמעס, און אין די קברים פון דער רוסישער קאטארגע — דאן איז ער אין דיא אויגען פון דער רוסישער געזעלשאפט געבליעבען אויך דער זעלביגער ישראליקעל פאקטאר. ווייל זיינע קינדער זיינען ארויסגעטראטען קעמפפען ניט אלס זיינע לייבליכע קינדער, ניט אלס אי-

דען פיר דיא מענשען רעכט פון זייער פער־פאלגטען טאטען האבען זיי געקעמפפט, נור פיר דיא בעפרייאונג פון דעם „קלענערן ברודער", דעם רוסישען פויער..... זיי האבען אפען ער־קלערט, אז צופעליג נור האבען זיי א שייכות מיט זייער טאטען ישראליקעל... און דערפאר טאקי האט דיא רוסישע געזעלשאפט געמאכט אן אונטערשיעד צווישען ישראליקעל און זיינע קינדער דיא רעוואלוציאנערן, וויא יענער דייט־שער אנטיסעמיט צווישען דיא אידען און לוד־וויג בערנע: „די אידען זיינען טאקי וואס אין קארט — האט יענער אנטיסעמיט אונגעפעהר געזאגט — „און אויב זיי האבען א בערנע, איז ער ניט קיין איד!"......

דיא רוסיש־אידישע שרייבער, וויא לעוואנ־דא און דיא אנדערע, האבען אויך געשילדערט דעם אידען: אדער א מלמד מיט לאנגע פאות, צו א קרעמער, צו א פאקטאר פון דער אלטער צייט, אדער אן אינטעליגענט אן אסימיליאטאר פון דער נייער צייט... אויף דעם דערשלאגענעם אידישען בעל מלאכה האבען זיי ניט געהאלטען אפילו פיר נויטיג זיך אומצוקוקען: אויך א מענש, אומשטיינס געזאגט! עס איז אפילו אמת, אז צו יענע צייט איז דיא צאהל פון דיא אידישע ארבייטער ניט געוועזן אזוי גרויס, וויא אין א קורצע צייט ארום שפעטער — דער אידישער קרעמער האט נאך דאמאלס געהאלטען פיר א חרפה צו מאכען זיין זוהן פיר א בעל מלאכה— אבער ניט דאס איז געוועזן דיא הויפט אורזאך פאר וואס דיא אידישע שרייבער אלא לעוואנדא האבען ניט געשילדערט אין זייערע ווערק דעם אידשען ארבייטער; דיא הויפט אורזאך, פאר וואס זיי האבען איהם איגנארירט, איז געוועזן, ווייל זיי האבען איהם פעראכטעט, דעם אידי־שען בעל מלאכה, ווייל זיי האבען געקוקט אויף איהם וויא אויף דעם מיאוס'טען גליעד אין ישראליקעל'ס קערפער.... אין דיזער הינזיכט זיינען דיא רוסיש־אידישע שרייבער געשטאנען ניט פיעל העכער פון דעם אידישען קרעמער אין יענער צייט... זיי, דיא רוסיש־אידישע שרייבער, האט זיך דאן אפילו ניט גע'חלום'ט וועגען דיא גוואלדיגע ראלע, וואס דיזעס מיאו־סעם גליעד, דער אידישער ארבייטער, וועט גאר אין א קורצע צייט ארום שפילען ביים אידי־שען פאלק; אז ער וועט זיין דער יעניגער, וואס וועט מאכען א גאנצע רעוואלוציאן אין ישראלי־קעם פסיכיקע און אויך אין דער מיינונג פון דער רוסישער געזעלשאפט וועגען ישראליקלען!...

און אזוי וויא דיא רוסיש־אידישע שרייבער אזוי אויך האבען דיא דאמאלסדיגע אידישע רע־וואלוציאנערען זיך ניט אומגעקוקט אויף'ן אי־דישען ארבייטער: פיר זיי האט ניט עקזיסטירט קיין אידישער ארבייטער, וויא עס האט ניט עק־זיסטירט קיין אידישעס פאלק....

איין פאלק האבען זיי פיר זיך געזעהן, און דאס איז דאס רוסישע. און זיי האבען זיך בע־טראכט אלס קינדער פון דיזען פאלק און פיר זיין פרייהייט האבען זיי געקעמפפט, פיר זיין פריי־הייט האבען זיי אוועקגעלייגט זייערע יונגע קעפ....

* * *

און אשטורמווינד איז געקומען... און אין דיזען שטורמווינד האבען אפגעהילכט די ווילדע קולות פון דער רוסישער רעגיערונג: „ניין, איהר זייט ניט קינדער פון רוסישען פאלק. איהר זייט פרעמדע... ישראליקעלס קינדער זייט איהר, דעם זשיד'ס!" שווארצער איז געווארען דער הימעל פון אידישען תחום.... בליטצען און דו־נערן. דיא לופט פול מיט פעדערן און פוך, דיא ערד רויט פון אידישען בלוט... דיא בליטצען און דונערן אין דער פערזאן פון דיא קינדער פון יענעם רוסישען פאלק, פיר וועמעס פרייהייט דער אידישער רעוואלוציאנער האט פערגאסען זיין בלוט, האבען געטראפען גלייך אי דעם טא־טען דעם פאקטאר, אי דעם זוהן, דעם „צופעלי־גען", און דאן האט דער זוהן דערפיהלט, אז ער איז זיין טאטענ'ס ניט צופעליגעם קינד, אז ער איז פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין, דעם אידישען וועהטאג האט ער דערפיהלט, דעם אידען אין זיך און אז „כל ישראל ערבים זה בזה" — אז מען שלאגט דעם אידען, איז איין איד ניט בעסער פון אנדערן!..

די בעסערע מענשען אין דער רוסישער גע־זעלשאפט האבען זיך דאן דערפיהלט שולדיג געגען דעם געשלאגענעם אידען אין זיי האבען זיך מיישב געוועזן צו ווייזען, אז ביי אידען זיי־נען אויך דא גוטע מענשען.... אבער וויא אזוי ווייזט מען דאס? דאס אמת'ע אידישעס לעבען אין אידישען תחום איז פיר זיי א כינעזישע עברי! פון דער רוסישער ליטעראטור קענען זיי דעם אידען דורך טורגענעוו'ס „זשיד", וועל־כער איז א שמוציגער פאקטאר, פון דאסטא־יעווסקי'ס איד אין זיין „מיארטווי דאם" און פון אזעלכע אנטיסעמיטישע ווערק וויא וו. קרעס־טאווסקי'ס. און אין דיא ווערק פון דיא רוסיש־אידישע שרייבער געפינען זיי אויך ניט מעהר, וויא דעם פאקטאר, דעם קרעמער, דעם מלמד און דעם אידישען אינטעליגענט — אסימיליא־טאר!

און איינגע פון דיא רוסישע בעקאנטע שרייבער טראכטען אויס זייערע אייגענע אידען, צו ענטפערן דיא אידישע שונאים. מען זאגט, אז דער איד איז א פייגע בעשעפעניש, ליעבט נור זיך אליין, קומט צו געהן מאטשטעט מיט

זיין „זשיד“, וועלכער האָט אין זיך אזוי פיעל מעלות פון אמלאך פון הימעל, אז מען זעהט ניט ארויס קיין איין מעלה פון א לעבעדיגען מענשען פון דער ערד!

מען זאָגט, אז דער איד האָט ליעב נור געלד, קומט צו געהן דער גרויסער טשעכאָוו און דערצעהלט, אז „אין סטעפּ“ האָט ער געטראָפען א אידען, וועלכער איז געוועזן אזא דם שונא צו געלד, אז ער האָט פארברענט זיין געלד.....

דער היסטאָריקער מאָרדאָווצעוו, אויף וועמען די פּאָגראָמען האָבען געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק, נעהמט שרייבען פון אידישע צרות אין דיא אלטע צייטען, אקוראט וויא זיי זיינען וועניג דאָ אין רוסלאנד אין דיא נייע צייטען!

דעם איינציגען מעהר אָדער וועניגער לעבעדיגען אידען, וואָס א רוסישער שרייבער האָט ביז א קורצע צייט צוריק געשילדערט, איז דער אידישער מאטראָס „איסאיקא“ פון סטאניוקאָוויטש. וויא א אידישער מאטראָס, איידער איבערצוטראָגען דיא חרפּה פון געשמיהען ווערען, ווארפט זיך בעסער אריין אין ים.

און אפילו דיעזער לעבעדיגער איד איז אויך ניט געשילדערט אויפ'ן באָדען פון דעם אידישען תחום, נור ווייט פון איהם, אויף א קריעגסשיף, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער דעם ווייטען ים.....

קורץ, דאָס אמת'ע לעבען אין דעם אידישען תחום איז דאן געוועזן פערזיגעלט פיר דיא רוסישע געזעלשאפט מיט זיעבען זיעגלען.

זיא הויבט זיך ערשט דאן אָן צו בעקאָנען, דיא רוסישע געזעלשאפט, מיט דעם לעבען אין דעם אידישען תחום, ווען דיא פריהערדיגע „צופעליגע“ אידען זיינען געוואָרען אידען, ווען זיי, דיא פריהערדיגע צופעליגע אידען אליין, האָבען גענומען אריינקוקען טיעפער אין דאָס אידישע לעבען..

ערשט דאמאָלס האָט זיא, דיא רוסישע געזעלשאפט, געקענט דערזעהן, אז אין אידישען תחום זיינען חוץ פאקטאָרס, קרעמערס און מלמדים דאָ נאָך אנדערע אידען: ארבייטער, וואָס פערדיענען זייער ברויט מיט דעם שוויים פון זייער שטערען. מען האָט גענומען שילדערן דאָס לעבען פון דעם אידישען ארבייטער.

ש. ראפּפּאָרט איז געוועזן דער ערשטער, שיינט מיר, וואָס האָט געשילדערט דאָס לעבען פון אידישע ארבייטער אין די 80ער יאָהרן אין זיין בריליאנטענער ערצעהלונג „היסטאָריא אדנאָוואָ סעמעיסטוואָ“.

אפילו אין דיא פּאקטאָרס, אין דיא קרעמערס, און אין דיא מלמדים האָט זיא, דיא רוסישע געזעלשאפט, אויך דערזעהן גאָר אנדערע מענשען נאָך דעם, וויא איבער דעם אידישען תחום האָט זיך דורכגעטראָגען דער אָבפרישענדער הויך פון דער ציוניסטישער בעוועגונג....

דער ציוניזמוס האָט אָנגעוויעזען דער וועלט אויף דעם עוויגען טרוימער אין דעם אידישען קרעמער!.....

דערוויילע האָט דיא רוסישע רעגיערונג געשאָטען אלץ מעהר און מעהר צרות אויף דעם אידישען תחום; דעם אידישען קרעמער איז שווער געוואָרען צו פערדיענען אויף א לעבען און ער האָט געמאכט זיינע קינדער פיר ביזי מלאכות און אזוי האָט גענומען וואקסען דיא מחנה פון אידישע ארבייטער.. און דער אידישער „בונד“ איז געבאָרען געוואָרען מיט מזל.....

דיא מיטגליעדער פון „בונד“ זיינען אויך ארויסגעטראָטען אין קאמפּף געגען דעם רוסישען דעספּאָטיזמוס, זיינען אויך מקריב זייערע יונגע לעבענס פיר רוסלאנד'ס פרייהייט, אָבער ניט אלס „צופעליגע“ אידען, נור אלס עכטע סאָמאראדנע אידען, אלס אידישער פּראָלעטאריאט, וואָס ווייס, אז ער האָט צ ופיהרען א צווייפאכען קאמפּף. דעם איינפלוס, וואָס דער „בונד“ האָט געהאט אויף דיא אידען בפרט און אויף דיא רוסישע געזעלשאפט בכלל איז ניט אָבצושאצען; אפילו אין דיא פּעטיציעס, וואָס ווערען יעצט געשיקט פון אידישען תחום קיין פּעטערסבורג וועגען רעכטע פיהלט זיך דיא מוטהיגע שפּראך פון אידישען „בונד“....

און דיא רוסישע געזעלשאפט? זיא האָט דערזעהן, אז דער איד איז גאָר ניט אזא פייגע בעשעפעניש, וויא זיא האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט!

דער ציוניזמוס האָט געוויעזען אויף דעם עוויגען טרוימער אין דעם אידישען קרעמער און דער „בונד“ — אויף דעם קעמפּפער פיר פרייהייט און מענשענרעכט אין דעם אידישען קרעמער'ס זוהן.

דיא רוסישע געזעלשאפט האָט יעצט פאר זיך דערזעהן א לעבען אין אידישען תחום, וועלכער איז ווערט רעספּעקטירט צו ווערען.

און דיא גרויסע זשורנאלען האָבען זיך געעפענט פיר אידישע שרייבער, וואָס האָבען געשריעבען פון אידישען לעבען. יושקעוויטש, אייזמאן און אנדערע דרוקען זייערע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען, און דיא רוסישע געזעלשאפט ווייזט ארויס אזא טיעפען אינטערעס צו דעם אידישען לעבען, וואָס מען שילדערט פאר זיי, אז זיא שטעלט אוועק יושקעוויטשען פיר זיינע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען אין איין רייהע מיט גאָרקי און אנדרעיעוו. דער אינטערעס צום אידישען לעבען איז ביי איהר אצינד אזוי גרויס, אז איהרע גרעסטע זשורנאלען זעצען

איבער ערצעהלונגען פון דער אידישער שפּראַך.

און ווען דיא רוסישע רעגיערונג האָט אָנגעשיקט איהרע שוחטים אויף דיא קישענעווער אידען, האָט דיא רוסישע געזעלשאַפט, ווען זיא האָט געוואָלט פּראָטעסטירען, שוין ניט געדאַרפט אויסטראַכטען אַן אייגענעם אידען פון איהר קאָפּ, צו ווייזען, אַז דער איד פערדיענט ניט, ער זאָל געשאָכטען ווערען. זיא האָט שוין אַצינד געקענט דעם אמת'ן אידען, זיינע ליידען און זיינע פריידען, זיין שטרעבען און זיין קעמפּפען......

דעריבער, אַז גאָרקי איז אַרוים מיט אַ פּראָטעסט אין דיא אויסלענדישע צייטונגען געגען דער קישענעווער שחיטה, האָט ער ניט פּראָטעסטירט אים נאָמען פון דיא כלומרשט איינצעלנע גוטע מענשען, וואָס געפינען זיך ביי אידען, וויא דאָס האָט געטאָן מאַטשטעט, נור אין נאָמען פון אַלע אידען אין רוסלאַנד, וואָס זיינען מענשען....

* * *

דיא דראַמאַ „דיא אידען“ פון טשיריקאָוו איז אויך אַ פּראָטעסט געגען דיא אידישע פּאָגראָמען ניט אים נאָמען פון איינצעלנע גוטע מענשען ביי אידען, נור אים נאָמען פון אַלע אידען אין רוסלאַנד.

זיא איז אַ טענדענציעזעס ווערק און אַלס אַזאַ מוז זיא האָבען פעהלערן אין אַרטיסטישען זינן.

נאַטירליך זיא שפּיגעלט אין זיך אָפּ מעהר פון אידישען לעבען, אַם ווייניגסטען פון דיא שטרעמונגען אין דעם היינטיגען אידישען לעבען, וויא עס האָט, למשל, אָפּגעשפּיגעלט מאַטשטעטס „זשיד“, וואָס איז אין די 80-ער יאָהרען ערשינען אויך אַלס פּראָטעסט געגען דיא דאַמאָלדיגע פּאָגראָמען, עס איז אָבער נור דערפאַר, ווייל דאָס אידישעס לעבען אַליין איז איצטיגע צייט מעהר בעקאַנט דעם רוסישען שרייבער, וויא איך האָב אָנגעוויזען. און דערפאַר טאַקי האָבען מיר אַ רעכט צו פאָדערן, אַז דאָס ווערק זאָל ניט האָבען אַזוי פיעל פעהלערן, וויא עס האָט אין דער אמת'ן.

דער הויפּט חסרון פון דער דראַמאַ „די אידען“ איז, וואָס זיא איז ניט קיין דראַמאַ אין דעם ברייטען זינן פון וואָרט. דיא האַנדלונג פעהלט אין איהר כמעט אין גאַנצען. מיר הערען וויא מענשען ריידען אַ סך, פיהרען אַן גאַנצע ויכוחים, מיר זעהן אָבער ניט, וויא אַזוי זיי האַנדלען און לעבען, אַז מיר זאָלען זיי קענען ניט נור פון דעם, וואָס זיי ריידען אַליין וועגען זיך. און ריידען ריידען זיי כמעט אַלע קלוגע זאַכען, זיי אַלע פילאָזאָפירען: אַי דער אַלטפרענקישער לייזער, אַי זיין זוהן דער סאָציאַליכט, אַי זיין טאָכטער לאה, וואָס ליעבט דעם קריכט, איז דער קריכט, אַי דער ציוניכט נחמן, אַי דיא איבעריגע פערזאָנען

אין דעם שטיק, זיי אַלע זיינען פילאָזאָפען. איבערהויפּט האָט דער אויטאָר פון „דיא אידען“, וויא מען זעהט, אַ שוואַכקייט צו געקינצעלטע שעהנע פראַזען, און דאָס איז ביי אַ שרייבער תמיד אַ סימן פון שוואַכע שאַפונגס־קראַפט. די אמת'ע קונסט פון דיאַלאָג ליעגט אין דעם נאַטירליכען ריידען פון דיא פערזאָנען און ניט פון דעם שרייבער'ס אויסגעטראַכטען שעהן־רעדען. דאָס שעהן־רעדען, וואָס אַשרייבער לייגט אַריין אין דאָס מויל פון זיינע העלדען איז פּונקט וויא דיא פאַרב, וואָס אַמיידעל לייגט אַרויף אויף איהר פּנים — תמיד אַסמן פון אַ בלייכען פּנים.

איך וועל געבען אַ ביישפּיעל פון איינעם פון דיא שטאַרקסטע, אויב ניט פון דעם שטאַרקסטען מאָמענט אין דעם שטיק. ביי דעם אַלטען פרומען לייזער האָט זיך איין טאָכטער גע'שמדט און איהר נאָמען טאָר ביי איהם אין שטוב ניט דערמאָנט ווערען.

זיין צווייטע און לעצטע טאָכטער, לאה, פערליבט זיך אויך אין אַ קריסט, און ווען זיא דערצעהלט עס איהם, דעם אַלטען פרומען טאַטען, אין וועמענס האַרצען איז נאָך פריש דיא וואונד, וואָס האָט איבערגעלאָזען יענע גע־שמד'טע טאָכטער, לאָזט ער זיך מיט איהר אַריין אין אַ לאַנגען ויכוח. אויף איהרע ווערטער, אַז גאָט איז ביי אַלעמען איינער, ענטפערט ער איהר: „אויב גאָט איז ביי אַלעמען איינער, טו פאַרוואָס, אַז אַ גוי פערליעבט זיך אין אַ אידיש מיידעל, דאַרף זיא זיך שמד־ען? פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט מגייר זיין? אויב גאָט איז איינער, פאַרוואָס רופען זיי אונז „זשיד“?

טאַקי אַ האַרבע קשיה! נור דער תירוץ איז, אַז אין אַזאַ מאָמענט וועט דער אַלטער פרומער טאַטע זיך ניט אַריינלאָזען אין אַזאַ ויכוח מיט זיין טאָכטער. איהם וועט אסור דאַן ליעגען אין קאָפּ, פאַר וואָס מען רופט דיא אידען „זשידי“.

און מיט דיעזע עטליכע ווערטער האָט זיך נאָך דיזער ויכוח ניט געענדיגט: ער פילאָזאָפירט נאָך לאַנג אַי וועגען דיא קינדער, וואָס זיא וועט האָבען, וויא אַזוי זיי וועלען לאַכען פון אידען און ז. וו.

צו ווען די פּאָגראָמציקעס בעפאַלען איהם און זיין טאָכטער; ווענדעט ער זיך צו זיי: „שלאָגט, שלאָגט, אייער גאָט וועט עס זיין אַנגענעהם!“ דאָס איז בלויז קליינע ביישפּיעלע, וויא אַזוי דער אויטאָר לאָזט פילאָזאָפירען זיינע העלדען, וואו עס פּאַסט און וואו עס פּאַסט ניט.

דיא דראַמע האָט פיער אַקטען, איהר קענט אָבער דורכלאָזען דעם ערשטען אַקט און אָנפאַנגען פון צווייטען, איהר וועט הערען דיא זעלבע רייד, דיא זעלבע פילאָזאָפיע. איהר קענט אויך דורכלאָזען אַ העלפט פון דעם צווייטען און

דריטען אקט און לעזען דערנאך דעם פיערטען וועט אייך אויך גאר ניט פעהלען.

נעגען די אלע דונקעלע שאטענס פון מאנסבילשען פערסאנאל, וואס דער אויטאר האט ארויסגעפיהרט אין „דיא אידען" מיט דער אויסנאהמע פון דאקטאר, איז דער ציוניסט נחמן מעהר אדער ווענינער א לעבעדיגער מענש. כאטש עס וואלט ניט געשאדט, אז דער אויטאר זאל איהם ניט געבען אזוי פיעל צו שרייען און מעהר עפעס האנדלען. דאך האט ער מאנכע מאמענטען, וואו ער מאלט זיך, למשל: אין דער סצענע, ווען ער ערקלערט זיך אין ליעבע פיר לאה'ן און נאך אין א צוויי־דריי אנדערע סצענקעס.

פיעל בעסער איז געמאלען לאה, הגם זיא רעדט פיעל וועניגער פון אלע.

דיא סצענע אין צווייטען אקט צווישען איהר און דעם קריסט, וועלכען זיא ליעבט, איז בריליאנט.

ווען זיא טראכט פון אוועקצוגעהן מיט'ן קריסט, פיהלט זיא אין זיך, אז עפעס א געהיימע באנד האלט זיא פעסט צוגעבונדען צו איהר פאלק און עס איז איהר שווער פון איהם זיך אוועקצורייסען.... וויא אזוי זיא פיהלט, אז זיא איז א אידישע טאכטער, האט דער אויטאר געשילדערט מייסטערהאפט.

אויסגעצייכענט איז זיא אויך געמאלען אין דעם דריטען אקט, אין דעם מאמענט, ווען זיא ענטזאגט זיך פון איהר געליעבטען און אין דעם פערטען אקט, ווען זיא, א קראנקע, וויל בלייבען נעבען איהר פאטער אין דער צייט, ווען דיא פאגראמשציקס בעפאלען זייער הויז.

אבער וויא שוואך דיזע פיעסע איז, מאכט זי דעם גוואלדיגסטען איינדרוק, ווען מען זעהט זיא געשפילט פון הערר ארליענאוו און זיין קאמפאניע. איך מוז זאגען, אז ביז איך האב געזעהן דיזע ארטיסטען שפיעלען אין דעם שטיק, האב איך ניט געהאט קיין ריכטיגע פארשטעלונג, וואס אמת'ע ארטיסטען קענען מאכען פון א פיעסע! דאס טוידטע ווארט קריגט בלוט און לעבען אין ארלעניעוו'ס מויל.... אין דער אויסגעטראכטער פראזע ציטערט און פיבערט דאס לעבעדינע הארץ, ווען ארליענעוו רעדט זיא ארויס.... ארליענעוו שפיעלט מיט דעם בלוט פון זיין הארצען און מיט דעם זאפט פון זיינע נערוועו....

פרוי נאזימאווא איז אויך אן ערשטע קלאסע ארטיסטקע. איך קען זיך גאר ניט פארשטעלען קיין בעסערע לאה'ן, וויא זיא שפיעלט איהר איבערהויפט איז זיא גרויס אין דער סצענע, ווען זיא ענטזאגט זיך פון איהר געליעבטען....

דאס זעלבע קען מען זאגען פון דיא איבריגע אקטיארען, וואס האבען געשפיעלט אין דעם שטיק. הערר קראמסקאי איז צו בעוואונדערן, וויא אזוי ער זיצט אפ אלע דריי אקטען אויף דער ביהנע, ניט האבענדיג קיין „פראזא" און פערליערט זיך ניט. אין זיין זיצען און ארבייטען, אין זיין בליק און אין דעם „טאן" פון זיין שטימע, בעת ער רעדט, פיהלט זיך אן אמת'ער קינסטלער. דער אקטיאר, וואס האט געשפיעלט דעם צייטונגס־פערקויפער האט אויך געשפיעלט מיט גרויס טאלענט.

הערר ארלאוו ציהט א ביסעל צו מאנאטאן זיינע דיאלאגען, דערפאר אבער איז ער זעהר גוט אין דעם דריטען אקט, ווען זיין טאכטער דערצעהלט איהם פון איהר ליעבע צום קריכט.

דערפאר האט זיך דער אקטיאר, וואס האט געשפיעלט דעם קריסט בערעזין, נים בעזאנדערס אויסגעצייכענט. איבערהויפט איז דיא ראלע פון דעם קריסט אין דעם שטיק דיא מעהר טויטע פון אלע טויטע....

צום שלום וויל איך זאגען, אז הגם פון ארטיסטישען זינן איז דיא פיעסע א גאנץ שוואכע זאך, דאך אלס טענדענציעזעס ווערק, געשפילט פון אזוינע ארטיסטען, פערפעהלט זיא ניט איהר צוועק: רופט ארוים א פלוך אויף די, וואס מאכען דיא פאגראמען. און דערפאר אליין פערדיענט שוין דער פערפאסער א דאנק. הלוואי נור זאל הערר ארליענאוו זיא קענען שפיעלען אין רופלאנד!

לעאן קאברין.